בעזה"י

# שאלות ותשובות

## וועגן אונזער עירוב אין בארא פארק

קלאהרע תשובות אויף שאלות
וואס קען נתעורר ווערען ביים תמימות'דיגן ציבור
דורך דעם טשטוש המוחות
פון די לעצטיגע פראפאגאנדע קאמפעין
דורך די כת שאינם מודים בעירוב
מיט זייערע פאשקעווילן און אנאנסען אין די צייטונגן

**קבוצת בני כוללים**

ערב שבת הגדול תש"ס

# שאלות ותשובות

## וועגען אונזער עירוב אין בארא פארק

**ש.** וואס פעלט אויס אן עירוב? קענען דען מיר אידן שומרי שבת, זיך נישט איינהאלטן פון מטלטל זיין (ארויס טראגען) 24 שעה?

**ת.** פארוואס זאלן מיר זיך איינרעדן, אז מיר זענען קלוגער פון רבותינו. דער הייליגן חתם סופר זי"ע, זאגט קלאר אין זיין תשובה ספר (או"ח סי' צ"ט), אז ס'איז כמעט אוממעגליך אידן זאלן נישט נכשל ווערן בשוגג אין איסור הוצאה, וואס איז פון די הארבסטע ל"ט מלאכות פון שבת, אויב ס'איז נישט דא קיין עירוב אין שטאט. אזוי אויך שרייבט קלאר דער הייליגער צאנזער רב זי"ע אין זיין תשובה ספר דברי חיים (ח"ב סי' ל"ג) "כי הרבה מכשולות באים באֵין עירוב". און אזוי אויך דער הייליגער "ייטב לב" זי"ע אין זיין שבת-שובה'דיגע דרשה, געדרוקט אין ספה"ק ייט"ל פ' בשלח אויפן פסוק ויבא יעקב שלם, "וואס פאר א חוב עס ליגט אויף אונז צו מאכן אן עירוב, כדי מ'זאל נישט נכשל ווערן בשוגג אין איסור הוצאה אום שבת". ממילא איז פארשטאנדיג וואס די גמרא אין מסכתא עירובין (דף כ"א) פארציילט, אז ווען שלמה המלך האט מתקן געווען עירובין מיט נטילת ידיים, איז ארויס א בת קול פון הימל און געזאגט, "חכם בני ישמח לבי גם אני".

**ש.** וואס איז דא די גרויסע שמחה פון תיקון עירובין דורך שלמה המלך?

**ת.** דער הייליגער חתם סופר גיט דאס צו פארשטיין, מיט תוספות א קשיא, פאר וואס איז דער בת קול ארויס נאר אויף די דאזיגע 2 זאכן, עירובין מיט נטילת ידים. שלמה המלך האט דעך מתקן געווען נאך פארשידענע אנדערע סייגים לתורה. ענפערט דער חתם סופר, ווייל אסר'ן א זאך, איז איבערהויפט קיין חכמה נישט. שלמה המלך האט אבער אויך מתקן געווען א לעזונג, אז מיט נטילת ידים זאל א וועקגענומען ווערן די טומאה פון די הענט, ווי אויך אז מיט אן עירוב זאל מותר זיין ארויס צוטראגן, כדי אידן זאלן חלילה נישט נכשל ווערן בשוגג אין אזא גרויסן איסור ווי הוצאה אין שבת, וואס איז פון די הארבסטע ל"ט מלאכות. דאס איז דער גרויסע חכמה פון שלמה המלך, וואס דערויף איז ארויס דער בת קול פון הימל "ישמח לבי גם אני".

**ש.** אבער דאך זענען דא א זעלעבע וואס טענה'ען אז דער עירוב פעלט אינגאנצן נישט אויס?

**ת.** אט די טענה האבן געטענה'ט די צדוקים (די אפיקורסים אין צייטן פון ביהמ"ק, וואס האבן געגלייבט נאר אין תורה שבכתב, און נישט אין תורה שבע"פ), זיי האבן נישט מודה געווען בעירוב.

**ש.** איז דא א חילוק צווישן די השקפה פון די ליטווישע און די חסידישע וועלט בנוגע דעם עירוב?

**ת.** יא. ביי אונז אלגעמיינע חסידישע קרייזן, ווי אויך ביי די אשכנזישע אונגארישע אידן, איז אן עירוב נישט קיין גדר ווי א "היתר עיסקא", נאר א הייליגע רוחניות'דיגע זאך, וואס עפ"י קבלה שטעקט דערין

גוואלדיגע ענינים רוחניים, וואס זענען אויך א שמירה און א סגולה.

**ש. איז דען דאס דער גאנצער חילוק צווישן די חסידישע און די ליטווישע וועלט, נאר אין השקפה?**

**ת.** ניין. סאיז דא א יסודיות'דיגע חילוק אין מסורה, צווישן די חסידישע און די ליטווישע, אין דעם "דרך" פון הוראה. אין די חסידישע וועלט און אויך ביי די תלמידי החתם סופר זי"ע, האט מען אנגענומען דעם פסק פון שולחן ערוך מיטן רמ"א כפשוטו, לויט ווי זייערע "נושאי כלים" דער מגן אברהם מיטן טורי זהב האבן פארשטאנען. לויט זיי, האבן מיר היינט נישט קיין "רשות הרבים" דאורייתא (נאר א כרמלית), סיי אין ארץ ישראל, סיי אין איירופע, און סיי אין אמעריקא. דערפאר זענען טאקע איינגפירט געווען עירובין אין אלע שטעט, אויך אין די גרויסע שטעט, אפילו וואו ס'האבן געוואוינט מיליאנען מענשן. אבער אין ליטא איז געווען א גרויסער גדול דער "משכנות יעקב", וואס איז שארף ארויס קעגן דעם מגן אברהם מיטן טורי זהב, אז מ'מוז נישט האבן קיין ששים רבוא (600,000) מענשן זאלן אריבער גיין אין 1 גאס טעגליך, כדי ס'זאל הייסן א רשות הרבים דאורייתא. זיין תשובה האט ער א וועקגעשיקט קיין בראד צום וועלטס בארימטן פוסק הדור, רבן של כל בני הגולה, דער הייליגער "בית אפרים" (באקאנט מיט זיין ספר "מטה אפרים"), וואס ער האט עם קאטעגאריש אפגעפרעגט, און נישט מקבל געווען זיין ערעור קעגן דעם אלטן מנהג ישראל, וואס איז באשטעטיגט דורך דעם שו"ע מיט די מגיני ארץ.

**ש. דאס אלעס איז אלטע היסטאריע. וואס איז דאס נוגע למעשה אין די היינטיגע צייטן?**

**ת.** אפילו דער משנה ברורה וואס האט אנגענומען לחומרא חושש זיין צום משכנות יעקב (דער משנה ברורה האט דעם ספר "בית אפרים" נישט געהאט), דעסטוועגן שרייבט ער קלאר, אז דער מנהג ישראל איז יא צו מאכן אן עירוב, אין דערפאר, דער וואס איז מחמיר, מעג נאר מחמיר זיין פאר זיך אליין, אבער נישט מוחה זיין אויף אנדערע וואס פירן זיך עפ"י המנהג.

**ש. אבער דא אין אמעריקע איז דאך קיין מנהג פריער נישט געווען, איז פארוואס זאל'ן מיר חרדים נישט מחמיר זיין דערויף?**

**ת.** ערשטענס, אויב אזוי, קענען מיר מבטל זיין אלע אייראפעאישע מנהגים מאבותינו ורבותינו. נאר דער תירוץ איז, אז מיר האנדלען דא נישט פון קיין מנהג "המקום", נאר פון א מנהג ישראל, בכלליות, מאז ומקדם. און צווייטענס, דער משנה ברורה אליין פסק'ענט, אז איינער פון די תנאים פון א רשות הרבים איז "רחובות מפולשין משער לשער", אז די גאסען מוזען זיין מפולש ומכוון, אפען און גלייך, פון איין עק צו די אנדערע עק פון דער שטאט (און דארט וואו עס פעהלט דער תנאי, איז דאס נישט קיין רשות הרבים לכל הדיעות, און ממילא נישט דא קיין שום מקום אויף מחמיר צו זיין). וויבאלד אז דא ביי אונז אין בארא פארק, פעהלט אט דער יסודיות'דיגער תנאי ס'זאל הייסן א רשות הרבים, ממילא העלפט א צורת הפתח לכל הדעות, מתיר צו זיין דעם טלטול לכתחלה.

**ש. איז טאקע דאס דער גאנצער טעם פארוואס אונזערע מורי הוראה האבן מתיר געווען דעם עירוב?**

**ת.** ניין, דאס איז נאר איינע פון די יסודות ההיתר. ס'זענען דא נאך עטליכע אנדערע הלכה'דיגע טעמים. ווי למשל דער תנאי פון ששים רבוא (600,000) מענשן וואס דארפן זיך דארט דרייען כדי ס'זאל הייסן א

רשות הרבים, לויט די מערהייט פון די פוסקים, מיינט דאס נישט ששים רבוא אין דעם גאנצען שטח פון די שטאט, נאר ששים רבוא אין איין גאס, וואו דער צענטער פון מסחר איז קאנצעטריערט (ווי ס׳פלעגט אמאל אזוי זיין אין די אלטע צייטן, אבער אין די היינטיגע צייטן איז דאס כמעט נישט במציאות, אין אוודאי און אוודאי נישט אין בארא פארק.

**ש. אבער דער דעברעצינער רב זצ״ל, וואס איז אן אפשטאמונגער פון חתם סופר ותלמידיו, האט דאך אויך נישט מסכים געווען צו מאכן אן עירוב מיט 20 יאהר צוריק?**

**ת.** דער דעברעצינער רב זצ״ל האט אבסעלאט נישט געהאלטן אז עס האנדעלט זיך דא אין א שאלה פון א רשות הרבים דאורייתא, ווי זיין זון הרה״ג ר׳ שלמה דער דעברעצינער רב שליט״א גיט איבער אין נאמען פון זיין גרויסן פאטער ז״ל. נאר וואס יא? עס איז באקאנט אז אין יאהר תשל״ט, איז דער דעברעצינער רב ארויף צו כ״ק אדמו״ר מבאבוב שליט״א משפיע זיין קעגען דעם עירוב וואס ס׳האט זיך דעמאלס געהאנדעלט. זיין טענה איז געווען, אז מ׳דארף חושש זיין אז די ווייבער וואס וועלן שבת ארויס גיין, וועלין פארבען זייער פנים, וואס דאס איז א הארבער איסור. כידוע האט עם דער באבוב׳ער רב שליט״א צוריק געענפערט, ״וואס האט דאס צו טוען מיט דעם עירוב? דערויף דארפן די רבני העיר אויסרופען, אז די פרויען טארן זיך נישט פארבן אום שבת״.

**ש. דאס מיינט אז דעברעצינער רב׳ס חתימה, האט גאר נישט געהאט צו טוען מצד דיני עירובין, נאר מצד א זייטיגע פירצה?**

**ת.** אמת ויציב. און א ראיה דערצו איז פון די היימישע פלעטבוש׳ע אידען, וואס האבן דאן אנגערופען דעם דעברעצינער רב ז״ל און געפרעגט, צו מעג׳ן זיי טראגען אין דעם פלעטבוש׳ער עירוב? האט דער רב געענפערט, יא. א פלאץ וואס ס׳איז דא דערין א כשר׳ן עירוב, מעג מען טראגען. איינער פון די שואלים פארציילט, אז ער האט אפילו א פרעג געטוען, דער רב האט דאך אבער גע׳חתמ׳עט דערקעגן? האט איהם דער דעברעצינער רב געענפערט, אמת, איך האב געהאלטן אז מ׳זאל קיין עירוב נישט מאכן, אבער אז ס׳איז דא אן עירוב מעג׳ט איהר טראגען.

**ש. אבער כ״ק אדמו״ר מבאבוב שליט״א אליין, האט דאך אויך גע׳חתמ׳ט קעגן?**

**ת.** אמת, אבער זיין חתימה האט גאר נישט געהאט צו טוען מיט דיני עירובין, ווי די יודעי דבר אין באבוב ווייסען דערפון. ביים צווייטן מאל ווען דער דעברעצינער רב ז״ל איז ארויף געקומען צום באבוב׳ער רב שליט״א, איז מיט עם מיט געגומען הרב ביק ז״ל, וואס האט גע׳טענה׳עט צום באבוב׳ער רב, אז ברוקלין האט א דין פון א רשות הרבים דאורייתא. האט עם דער באבוב׳ער רב געענפערט, ״איר רעדט דאך דא פון א הלכה שאלה, נו אויב אזוי דארפט איר גיין רעדן צום דיין פון די קהילה״. האט זיך הרב ביק ז״ל אויפגערעגט און געזאגט צום באבוב׳ער רב שליט״א, ״א רב מיט א ווייסע בארד שיקט איר צו אן יונגען דיין״? דער באבוב׳ער רב שליט״א האט געבעטן הרב ביק׳ן אז ער זאל עם מוחל זיין, ווייל ער האט חלילה נישט געמיינט פוגע זיין בכבודו. האט איהם הרב ביק ז״ל געענפערט, ״איך בין אייך בשום אופן נישט מוחל, נאר בתנאי אז איר וועט חתמ׳ענען אייער נאמען אויף דעם איסור״... אזוי ארום האט מען ארויס באקומען דעם באבוב׳ער רב׳ס חתימה. ווי באקאנט פון פארלעסליכע באבוב׳ער מקורות, האט זיך דער באבוב׳ער רב שליט״א זייער מצטער געווען דערויף, און זיך אפגערעדט אז אין דער אלטער היים, זענען געווען עירובין אין יעדן שטאט. א פאקט איז, אז אויב דער באבוב׳ער רב וואלט חושש געווען הרב ביק׳ס חשש רשות הרבים דאורייתא, וואלט ער דאך נישט געלאזט מאכן אן

עירוב אויף 48 און 47 סטריטס, וואו ער בכבודו ובעצמו האט אליין געטראגען, ווייל אויב בארא פארק זאל האבין א דין פון רשות הרבים, איז דאך קיין חילוק נישט צו מ'מאכט א צורת הפתח נאר אויף צוויי גאסן, אדער אויף 20 גאסן.

**ש.** מ'טוט דאך כסדר פראפעגאנדירן אז דער סאטמאר רב זצוק"ל איז נישט געווען דערפאר?

**ת.** די גאר חשובע סאטמארע רבנים, תלמידי הגה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל, ווי דער אודווארי רב שליט"א וואס איז נתמנה געווארן פונעם סאטמארער רב אלץ יו"ר בית ההוראה דהתאחדות הרבנים, ווי אויך הגה"צ רבי יחזקאל ראטה שליט"א וואס איז געווארן פון א"י דורך דעם סאטמאר רב זצוק"ל משמש צו זיין אלץ דיין אין בארא פארק, זענען כידוע פון די הויפט מתירים. היעלה על הדעת אז זיי ווייסן גארנישט דערפון? פסק'ענען זיי קעגן גרויסן רבי'ן זי"ע? דער אמת איז, אז דער סאטמאר רב זצוק"ל האט שוין אליין באווארנט דעם ענין פון נאכזאגן זאכן בשמו, ווי זיין תלמיד הרה"ג מוהר"ר יצחק מאנדל שליט"א בעמח"ס "חקר הלכה", א באקאנטער דיין אין קרית יואל, ברענגט אין זיין לעצטיגן בריעף צו זיינע בארא פארק'ע תלמידים, די ווערטער פון רבי'ן זי"ע אין זיין הקדמה אויף "על הגאולה ועל התמורה", אז "מזאל נישט גלייבן וואס מ'זאגט נאך פון מיין נאמען, נאר דאס וואס איך אליין האב געשריבען".

עס איז באקאנט פאר זיינע תלמידים, אז דער סאטמאר רב ז"ל האט קלאר געהאלטן אז מיר האבן היינט נישט קיין רשות הרבים דאורייתא. דאס איז אויך געדרוקט אין ספר "פסקי דברי יואל". דערויף איז אויך מעיד הרה"ח ר' הערשל וועבער נ"י וואס איז אליין געווען דער שליח צום סאטמאר רב ז"ל פון זיין רבי'ן הגאון ר' דוד קליין ז"ל בעמח"ס "בית ארזים" וואס האט בתחילה אזוי געהאלטן און געוואלט אסר'ן אז נשים זאלן נישט טארן ארויס גיין אין די גאס מיט תכשיטים. ר' הערשל וועבער שרייבט אין זיין בריעף די אלע וויכטיגע פרטים וואס דער סאטמאר רב זי"ע האט מיט עם באפוילן פאר זיין רבי'ן, א) סאיז היינט נישטא קיין רשות הרבים. דאס וואס געפונט זיך אין טיים-סקווער איינמאל אין די גוי'אישע חאגע ששים רבוא (600,000) מענשן, מיינט גארנישט, ווייל אין שו"ע שטייט "ששים רבוא בוקעין בו בכל יום". ב) די ששים רבוא ווערן נישט גערעכענט פון די גאנצע שטאט, נאר אין איין גאס. ג) קאר'ס ווערן איבערהויפט נישט אריין גערעכנט, ווייל די ששים רבוא דארפן זיין הולכי רגל (פיס גייערס), דומיא דדגלי מדבר (אזוי ווי ס'איז געווען אין מדבר). ר' הערשל וועבער'ס בריעף איז געדרוקט אין קונטרס "מאז ומקדם".

**ש.** אבער הגאון הגדול, פוסק הדור, רבי משה פיינשטיין זצ"ל, האט דאך אנדערשט געהאלטן. ער האט געפסק'ענט אז די ששים רבוא דארפ'ן נישט זיין קאנסענטרירט דוקא אין 1 גאס, נאר אפילו אויב אין אלע גאסן פון שטאט צוזאמען געפונען זיך ששים רבוא, האט שוין די גאנצע שטאט א דין רשות הרבים. צוליב דעם האט רבי שמה געהאלטן אז ברוקלין איז א רשות הרבים?

**ת.** קודם כל, האבן אלע פוסקים אנדערשט געהאלטן, ווי למשל דער "בית אפרים", דער "משכנות יעקב" (בדעת השו"ע), דער "אשל אברהם" פון בוטשאטש, דער "מהרש"ם", דער "דברי מלכיאל", דער "מנחת אלעזר" און ווי פריער דערמאנט דער סאטמאר רבי זי"ע, און נאך און נאך פילע אנדערע פוסקים. טאקע ווי רבי משה אליין שרייבט, אז זיין שיטה איז א "דבר חידוש", א נייע מהלך (3 חדשים פאר די דאזיע תשובה אין "אגרות משה" וואו ער טוט אויף זיין דבר חידוש, האט רבי משה אליין נאך געהאלטן פונקט ווי אלע אנדערע פוסקים). און דערפאר שרייבט רבי משה אליין, עטליכע מאל אין זיינע תשובות,

אז רבנים מורי הוראה'ס, וואס נאך זעהענדיג זיין חידוש, האלטן זיי אנדערשט פון איהם, "הרשות בידם" - זיי האבן אלע רעכטען צו קריגן מיט איהם, וויבאלד זיי זענען אויך מורי הוראה'ס, איז נישט שייך מוחה זיין קעגן זיי.

**ש.** **אבער מאנכע טענה'ען, אז "מפני כבודו פון רבי משה" האט מען נישט באדארפן צו מאכן דעם עירוב?**

**ת.** טאקע "מפני כבודו פון רבי משה" האבן זיך מטריח געווען די חשוב'ע רבנים המתירים פעסטצושטעלן דעם פאקט פון די מחיצות וואס איז היינט פארהאנען ארום ברוקלין, וואס אין די צייטן פון רבי משה זענען די מחיצות נאך נישט געווען אויסגעבויט ווי היינט, און די חשוב'ע רבנים האבן דערקלערט אז על פי תורה זענען זיי 100 פראצענדיגע כשר'ע מחיצות וואס איז מתיר אפילו א רשות הרבים גמורה.

**ש.** **למעשה, האבן דאך גע'חתמ'עט היבשע חשוב'ע רבנים פון פריערדיגן דור אויף דעם כרוז קעגן דעם דעמאלס'דיגן עירוב?**

**ת.** קודם כל, דער דעמאלס'דיגער עירוב איז נישט געווען געמאכט מיט א ספעציעל געבויטען "צורת הפתח". ס'האט זיך דעמאלסט געהאנדעלט פון א היתר טלטול צוליב די עלעוועיטעד טרעין-טרעקס וכדומה, ענדליך צו די שאלה וואס האט זיך געהאנדעלט אין מאנהעטען בשעתו. אויף דעם טאקע האבן רוב אונזערע היימישע רבנים אין בארא פארק נישט מסכים געווען. דאס איז אבער איבערהויפט נישט קיין פארגלייך צו דעם איצטיגען עירוב, ווי מיר זעהן טאקע פון דעם פאקט, אז היימישע רבנים וואס האבן דעמאלסט נישט מסכים געווען, ווי למשל דער קארלסבורג'ער רב הגאון הגדול רבי יחזקאל ראטה שליט"א, זענען היינט מתיר לטלטל לכתחילה, אן קיין שום פקפוק.

**ש.** **דאס הייסט, אין אנדערע ווערטער, אויב ס'וואלט זיך דעמאלסט געטראפען די ריכטיגע עסקנים וואס וואלטען זיך אונטער גענומען צו בויען א צורת הפתח ארום גאנץ בארא פארק, וואלטן דאן אלע רבנים מסכים געווען?**

**ת.** ס'איז שווער צו וויסען. ס'איז נישט קיין פארגלייך דער היינטיגער מצב, צו די פריערדיגע יאהרן. אין די לעצטע פאר יאהר איז ב"ה געבראכען געווארען די "מאנאפאל" אויף רבנים. היינט ב"ה טרויען זיך רבנים צו זאגען עפענטליך זייער מיינונג, וואס ביז נישט לאנג צוריק איז דאס ליידער נישט געווען אזוי. דער ציבור האט נישט פארגעסען וויפיל שפיכות דמים, רבנים זענען אריבער, פאר'ן חטא פון נישט מיטגיין מיט'ן מאנאפאל.

**ש.** **די כת האוסרים האבן די וואך מפרסם געווען ציטאט'ן פון פיהל גדולי ישראל, ווי עס ווערט דערמאנט אז ניו יארק אדער ברוקלין איז יא א רשות הרבים דאורייתא, זענען זיי טאקע געווען קעגן אן עירוב דאהי?**

**ת.** דער בלבול המוחין וואס די כת האוסרים שאפן מיט זייערע פאשקעווילן איז פשוט אום גלויבליך. עס מוז איינמאל פאר אלע מאל קלאר ווערין, אז אט די גדולים וואס דער כת האוסרים באנוצן זיך מיט זיי, ווי למשל דער טשעבינער רב זצ"ל, מוהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל, רבי משה ארי' פריינד זצ"ל, שארמאשער רב זצ"ל, דער דעברעצינער רב זצ"ל, האבן איבערהויפט נישט גערעט וועגן די טעמע פון

אן עירוב. זיי רעדן פון א שאלה פון טראגען א זייגער אויף די האנט, אדער ברילן, אדער א פעדער אויף דער הוט, וכדומה. אויף דעם זאגן זיי, אז אין די גרויסע שטעט ווי ניו יארק, זענען די דאזיגע זאכן אסור. דער טשעבינער רב דערמאנט קלאר אז ער רעדט וואו ס'איז נישטא קיין עירוב. ווייל אין די גאר גרויסע שטעט דארף מען חושש זיין, אז ס'איז פארהאנען, ערגעץ וואו אין דער שטאט, א פלאץ וואס איז א רשות הרבים. עד כאן וואס די גדולים רעדן, ותו לא מידי. איצט, ווען עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן אן עירוב וואס נעמט ארום גאנץ ברוקלין, וואלט געווען רעלעוואנט די ווערטער פון די אויבענדערמאנטע גדולי ישראל. וויבאלד אבער, די היינטיגע טעמע איז דאך גאר וועגן דעם עירוב וואס נעמט ארום נאר בארא פארק אליין, וואו עס איז זיכער, לכל הדיעות, אז דערין איז נישט פארהאנען א צענטער אדער א גאס פון ששים רבוא (600,000) וואס זאל זיין א רשות הרבים, במילא איז איבערהויפט נישט נוגע לענינינו די אויבענדעמאנטע תשובות פון די גדולי ישראל וואס די כת האוסרים זענען כסדר מפרסם. אדרבה, פון די אויבענדערמאנטע גדולים איז אבער יא דא בפירוש'דיגע גילוי דעת'ן בנוגע אן עירוב, אז אין בארא פארק קען מען רואיג מאכן אן עירוב דורך א צורת הפתח. ווי ס'איז באוואוסט טאקע פון דער ירושלים'ער רב הגה"צ רמ"א פריינד זצ"ל, ווי פריער דערמאנט האבן די כת אוסרים זיך באנוצט מיט זיין נאמען, בשעת ער איז געווען דאהי אין ב.פ. אויף שבת, האט מען פאר איהם געמאכט אן עירוב, פון די 16טע ביז 14טע עוועניו'ס, דורך 55סטע סטריט. נו, היעלה על הדעת, אז ס'איז געווען ביי איהם אפילו א ספק רשות הרבים, א ספק חילול שבת חלילה?!

**ש.** קומט דאך אויס, אז די כת האוסרים מיט זייערע פאשקעווילן מאכן פשוט ליצנות פון גדולי תורה?

**ת.** ס'איז עפיס א פראגע? דאס איז דאך דער סיבה דערפון, אז די שענסטע אין חשוב'סטע תלמידי חכמים, אפילו אין סאטמאר און אין באבוב, זענען מטלטל אין דעם עירוב (עכ"פ בצינעא), ווי יעדער ווייסט דערפון.

**ש.** אבער די כת האוסרים, האלטן אין איין פרעדיגן, אז אין די גרויסע שטעט אין יוראפ, ווי אין "ווארשא" למשל, וואו עס איז געווען פארהאן 600,000 איינוואוינער, איז קיינמאל קיין עירוב נישט געווען?

**ת.** דער מקור פון אט די דאזיגע היסטארישען טעות, שטאמט נישט פון קיין אנדערן נאר ווי פון הרב ביק ז"ל. מוצאי שבת שובה תשמ"א, איז הרב ביק ארויף אויפן ראדיא (WEVD), און געזאגט בזה הלשון: "מען זאל נישט גלויבן די רייד אז אין איירָאפע האט מען געמאכט עירובין אין גרויסע שטעט, ווייל אין גרויסע שטעט וואו עס איז פאראן ששים רבוא איינוואוינער, איז קיינמאל קיין עירוב נישט געווען"... די ווארשא'ווער אפשטאמיגע ראדיא צוהערער האבן איהם גיפרעגט, האיך החי יכול להכחיש את החי, ווי קענט איהר אזוינס זאגן, ביי אונז אין ווארשא האבן געוואוינט אסאך מער ווי ששים רבוא, אין עס יא געווען אן עירוב, און אלע האבן דארט געטראגן?! (וועגן אט די טעמע פון הרב ביק'ס ראדיא אינטערוויו, זעט אין דער אלגעמיינער זשורנאל, און אויך אין JEWISH PRESS פרייטאג (September 19 1980). דערויף האט הרב ביק ז"ל גיענפערט, "אמת, אין ווארשא איז טאקע געווען אן עירוב, אבער ס'איז נישט געווען גערעכנט פאר ששים רבוא, ווייל ווארשא איז געווען אפגעטיילט אין צוויי, דורך דעם "ווייכסל" טייך, און אין יעדער זייט פאר זיך איז נישט געווען קיין ששים רבוא".

עס איז א גרויס וואונדער, ווי ווערט אזוי אפגע'פסק'ענט אזאך, אן זיך פאראינטערעסירן אין די היסטארישע פאקטן, נאכצופארשן און פעסצושטעלן דעם גאנצן אמת. עס איז אמת אז די שטאט




## Population of Warsaw

| Year | Warsaw | Praga |
|---|---|---|
| 1900 | 619,329 | 66,681 |
| 1910 | 703,590 | 77,509 |
| 1920 | 825,763 | 118,978 |
| 1938 | 1,032,082 | 233,290 |

Public Library of Warsaw

וואַרשאַ איז טאַקע געוועזן אַפּגעטיילט דורכן טייך, אַבער זיין טעות איז, אַז אויף איין זייט אַליין, איז שוין אין יאָהר תר״פ (1920), געוועזן 825,763 איינוואוינער (און אויף די אַנדערע זייט 118,978 איינוואוינער), און אין ביידע זייטן פון וואַרשאַ איז געוועזן אַן עירוב. ווידער אין יאָהר תרצ״ח (1938) איז אויף די גרויסע זייט אַליין געוועזן 1,032,082 איינוואוינער (און אויף די קלענערע זייט 233,290). די דאָזיגע פאַרלעסליכע ציפערן זענען דוקאַמענטירט פון די פּוילישן רעגירונג, און געפונען זיך אין אַלע וועלטליכע היסאָרישע לייברערי ביכער.

ליידער איז דער פאַטאַלער ״טעות״ אַזוי איינגעוואָרצעלט געוואָרן, אַז אויך היינט, 20 יאָהר שפּעטער, ווערט דאָס איבערגע׳חזר׳ט ווי פּאַפּאַגיי׳ען, דורך בעלצקי מיט ראַ״א קוויאַט.

אַלזאָ, עירובין זענען אַלעמאָל געוועזן אין אייראָפּע, אַפילו אין די גרויסע שטעט, ווי וואַרשע און לאָדז, און אַלע שיכטען אידן, חסידים ואנשי מעשה, האָבן זיך שטענדיג פאַרלאָזט דערויף, אין געטראָגן אום שבת קודש בלי שום חשש ופקפוק כלל.

**ש.** אין די פּאַשקעווילן פון די כת האוסרים, וואָס זענען צושפּרייט געוואָרן דעם לעצטען שבת פ׳ תזריע, פול מיט דברי ליצנות וכפירה, פּונקט ווי די אַמאָליגע ״משכילים״, שרייבן זיי אַז אין דער עיר ואם בישראל ״קראָקאָ״, טראַץ וואָס דאָרט איז געוועזן אַן עירוב, האָבין די חסידים ויראי ה׳ און איידלע יונגעלייט, זיך נוהג געוועזן נישט צו טראָגען?

**ת.** אַט דאָס גופא איז נאָך אַ סימבאָל פון זייערע היסטאַרישע פעלשונגען, כדי צו פאַרטושען דעם ציבור. זיי פאַרציילען נאַר אַ האַלבן אמת, וואָס כידוע איז דאָס אַסאַך ערגער פון אַ גאַנצער ליגענט. ווער עירוב וואָס עירוב? במשך די לעצטע דורות איז קיין צורת הפתח פון לחי׳ס מיט קורה׳ס, אָדער שטריק, אין דער שטאָט קראָקאָ נישט געוועזן! ווייל די פּוילישע קאַטוילישע רעגירונג האָט זיי צעבראָכן! נאָך הגאון רבי שמעון סופר זצוק״ל׳ס הסתלקות האָט דער נייער רב מתיר געוועזן דאָס טראָגען צוליב פאַרשיידענע אַנדערע סאָרט היתירים פון שעת הדחק, און ס׳איז געוואָרן אַגרויס מחלוקת צווישן די רבנים, צו מ׳קען זיך פאַרלאָזען אויף זיין היתר אָדער נישט. דערפאַר האָבן זיך טאַקע די דאָרטיגע חסידישע אידן מונע געוועזן צו טראָגען. די קראָקאָ׳ווער שאלה איז אַבסאָלוט נישט רעלעוואַנט לענינינו היינט אין באָראָ פּאַרק, וואו מיר האָבן היינט ב״ה אַ גיהעריגען צורת הפתח, אַן עירוב מהודר כדת וכדין. די היינטיגע עירוב-רייסערס טוט אונזער חשוב׳ן ציבור זעהר אונטער שעצין, אַז מ׳וועט נישט קענען דערגיין און אויפדעקן יעדן היסטאַרישן ליגענט וואָס זיי פאַרשפּרייטן אין זייערע פּאַשקעווילן. דער ראש הלוחמים אין קראָקאָ קעגען דעם שעת הדחק׳דיגן היתר, הרה״ג רמ״מ קרענגיל ז״ל שרייבט קלאָר אין דייטלעך, אַז מ׳זאָל זיך נישט פאַרלאָזען אויף די אַלע היתירים דחוקים, ווייל, ״קל להשיג רשיון מהשלטונות, למתוח מחדש עמודי עירוב״ (מקען שוין היינט גרינג פּוילען ביי די רעגירונג, צוריק אויפשטעלן פּאַנסניי די לחי׳ס פון עירוב..).

**ש.** וואַרשאַ, קראָקאָ, מיט אַזוי פיל ליגיונות וואָס זיי באַנוצען זיך, ווי אַזוי האָבן די כת האוסרים מצליח געוועזן אין תשל״ט, צו אסר׳ן דעם עירוב אין פלעטבוש, וואָס איז געמאַכט מיט אַ צורת הפתח?

**ת.** זייער מזל איז דאַן געוועזן, אַז דער דאָרטיגער עירוב איז געמאַכט געוואָרן דורך די יאַנג איזראַעל ראַבאַיי׳ס, דורך דעם האָבן זיי געקענט אַריין שלעפּן צווישן די חותמים בשעתו אויך די חשוב׳ע היימישע רבנים. די פּאָר ליגענטער וואָס ווערין דאָ דערמאָנט, זענען נאָר אַ טיפה מן הים קעגען אַלע פעלשונגען וואָס זענען דאַן פאָרגעקומען אין זייער עקשנות׳דיגע מערכה צו אסר׳ן דעם פלעטבוש׳ן

עירוב. עטליכע חשוב׳ע כולל יונגעלייט האלטן שוין ביים ענדיגען בקרוב זייער געוואלדיגן ריסערטש. וועהן ז׳ער ספר וועט אי״ה ארויס קומען, וועט דער ציבור פשוט נשתומם ווערן, וואס פאר א סארט זיופים און פסול׳ע אונטערערדישע מיטלען זענען אלץ געטוען געווארן אפצונארן דעם ציבור, מיט זייער איסור. רוב פון די חותמים זענען פשוט ארייגעפאלן אין זייערע הענט בלא יודעים.

**ש. פון די כת האוסרים איז משמע אז ברוקלין איז די איינציגסטע שטאט פון 600,000 איינוואוינער ווי מ׳האט געמאכט אן עירוב, און דערפאר פארפירען זיי אזוי. איז דען נישטא נאך עו״געץ ווי אין די וועלט גרויסע שטעט מיט 600,000 איינוואוינער וואס האבן יא עירובין?**

**ת.** עס איז אודאי יא פארהאן. ירושלים עיה״ק, למשל, האט היינט מער ווי ששים רבוא איינוואוינער. איז דען איינגעפאלען פאר איינעם פון די גדולי תורה אין גאנץ ארץ ישראל מעורר זיין א חשש כל דהו אויפן כשרות העירוב אדער אויפן היתר טלטול, ח״ו. אדרבה, דער ראב״ד פון די עדה החרדית הגאון רבי ישראל יעקב פישער שליט״א, פסק׳ענט אין זיין תשובה ספר ״אבן ישראל״, ווי אלע אנדערע גדולים, אז מ׳קען היינט אויך רואיג טראגען כאטש די ירושלימ׳ער באפעלקערונג איז שוין גרעסער ווי 600,000. דאס זעלבע איז אין בני ברק, דער באקאנטער עיר התורה, וואס פונקט ווי בארא פארק איז א חלק פון ברוקלין, אזוי אויך איז בני ברק א חלק פון ״גוש דן״ - רמת גן, גבעתיים, נחלת יצחק, תל-אביב, יפו, בת-ים, חולון - וואו צוזאמען וואוינען אן ערך פון 2,000,000 איינוואוינער. און יעדער וואס א״ז געווען שבת אין בני ברק האט דארט געפילט ווי אין יו״ט דאהי, זעהענדיג ווי אלע חוגים, חסידישע און אפילו רוב ליטווישע, טראגן דארט בראש כל חוצות.

**ש. נו אויב אזוי פארוואס פארפירען די כת האוסרין אזוי שטארק דאהי אין בארא פארק, און נישט אויף ירושלים און בני ברק? איז דען עירובין פון די מצוות התלויות בארץ, און נישט אין חוץ לארץ?**

**ת.** דער תירוץ איז, און דאס ווייסען זיי אליין גאנץ גוט, אז אויב זיי וועלין גיין טוען זייערע שטיק אין ירושלים, וועט מען זיי פשוט אנקוקען ווי משוגעים. דער ערוך השולחן שרייבט שוין (או״ח סי׳ שמ״ה סעי׳ י״ח) ״שאם באנו לעכב, לא לבד שלא יצייתו, אלא נראה כמשתגעים״ (אויב מיר וועלן שטערן, נישט נאר וואס מ׳וועט נישט פאלגען, נאר מיר וועלן אויסקוקן ווי צעדרייטע). זיי האבן געמיינט אז דאהי וועט זיי געלונגען אהן דעם ווי זיי זאלן אויסקוקען ווי משתגעים, אבער פון וואך צו וואך דערקענט זיך, אז עס קומען צו אלץ מער און מער פון דער חשוב׳ער ציבור, וואס טוען אנערקענען דעם אמת.

**ש. אבער ווי נישט ווי, זענען מיר דאך חרדישע אידן, מדקדקים ומהדרים בקלה כבחמורה, פארוואס זאלען מיר טאקע נישט מחמיר זיין? סוף סוף זענען דאך פארהאנען מערערים אויפן היתר הטלטול?**

**ת.** עס קען זיך נישט יעדער איינער אליין מחליט זיין, וואס פאר א חומרות זיך אנצומעסטען, לויטן אייגענעם פארשטאנד. דאס ברענגט צום סוף צו א חורבן אין אידישקייט. ווער, וואו און ווען, מחמיר צו זיין, דערויף האבן מיר אויך א מסורה. רבותינו עמודי ההוראה במשך כל הדורות זאגן קלאר, אז דער מנהג ישראל, איז נישט מחמיר זיין אין דעם ענין. נישט נאר דאס, נאר די פוסקים זאגן, אפילו א ״בעל נפש״ זאל נאר מחמיר זיין פאר זיך אליין, אבער ס׳איז דא אן <u>איסור גמור</u> צו הייסן פאר אנדערע זאלן מחמיר זיין (בית מאיר סימן שס״ד).

**ש.** **עס שטייט אבער דאך "המחמיר תבוא עליו ברכה"?**

**ת.** דאס מיינט, זאגט דער גרויסער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל, נאר פאר איינעם וואס לערענט די סוגיא מיט אלע ראשונים ואחרונים, און ס'קומט עם אויס מחמיר צו זיין, אויף איהם איז געזאגט געווארן המחמיר תבוא עליו ברכה, אבער נישט פאר קיין אנדערע.

**ש.** **אבער פארוואס זעהט מען דעם "דוקא" מטלטל צו זיין ביי חשובע אידן, איז דען דא א מצוה דוקא יא מטלטל צו זיין?**

**ת.** שתי תשובות בדבר, איינס, הגה"ק בעל מנחת אלעזר זצ"ל ברענגט אין זיין ספר (נימוקי אורח חיים) אז דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט געהאלטן אז מ'זאל מדקדק זיין דוקא יא צו טראגן, כדי מ'זאל חלילה נישט זיין בכלל "אינו מודה בעירוב" (אזוי ווי די צדוקים זענען געווען). ער ברענגט דארט, אז מי לנו גדול פונעם אר"י הקדוש, וואס האט אליין געטראגן דעם טלית מיט'ן חומש אין בית המדרש אריין. (אגב, אין די שטעט דינוב און מונקאטש, וואו דער בני יששכר האט משמש געווען ברבנות, זענען קלאהר געווען גאסן ברייט ט"ז אמה). צווייטענס, דוקא היינט, ווען ס'איז פארהאן אזעלכע וואס ווילן ארויפצווינגען אן איסור אויף א כשר'ן מהודר'דיגן עירוב וואס שטייט אונטער אונזערע חשוב'סטע מורי הוראה'ס, דאס גופא ברענגט ארויס א פארקערטע רעאקציע ביים היימישן ציבור. דייקא די שענסטע און איידל'סטע אידן זענען נישט גרייט אראפשלינגען דעם "את אשר התרת אסרתי", וואס איז פונקט אזוי הארב ווי "את אשר אסרת התרתי" (וואס מיר האבן ערשט געזאגט יום כפור קטן ביים ווידוי דרבינו נסים).

**ש.** **אבער אויף ראדני סטריט האט מען זיך נישט באגנוגען מיט א עירוב פון א צורת הפתח, זיי האבן דאך דארט דעים ווינטער געלאזט מאכן "גאראטעס", דלתות, טירן?**

**ת.** האקט'ס נישט אין טשייניק. איר ווילט דערמיט זאגען, אז במשך די לעצטע 20 יאהר וואס אויף ראדני סטריט האבין געטראגען מסלתא ומשמנה פון וויליאמסבורגער אידן דורך אן עירוב פון צורת הפתח, אונטער'ן סאטמארער דיין'ס השגחה, האבן זיי אלע, סיי די וואס לעבן לאוי"ט אין סיי די נוחי נפש, "מחלל שבת" געווען בפרהסיא ר"ל? שרייען דען נישט, אט די דאזיגע גאראטעס אליין, אז דאס איז ריין "פאליטיק"? אין גאנץ וויליאמסבורג עקזעסטירן פריוואטע עירובין, כמעט אין יעדען בלאק. זענען טאקע זיי אלע פשוט'ע מחללי שבת ר"ל? אדער אפילו נאר "ספק מחללי שבת" ר"ל? אין וואס טוט זיך מיט די פריוואטע עירובין'לעך וואס זענען געווען אין בארא פארק, ווי למשל אויף 53סטע סטריט ביים וויזשניצער ביהמ"ד, אדער ביים באבוב'ער ביהמ"ד פון ביידע זייטן, און אזוי אין פיהל פיהל אנדערע פלעצער, אויב טאקע איז דערין געווען א חשש חילול שבת ר"ל, וואו זענען דאן געווען די אלע היינטיגע אוסרים? ובפרט, ווען ס'האט זיך גיפרעגט א גרויסע פראגע, ווי כשר קענען דען שוין זיין די עירובין'לעך וואס ווערין זיך געמאכט אליין דורך באלעבאטים און נישט דורך רבנים, וואו זענען דאן געווען דער וועד לשמירת שבת זייערע? וואס עפעס דוקא ווען ס'נעמט זיך א רב, גאר א אנערקענטער חשובער בעל הוראה, וואס איז קיינמאל אין קיין שום הכשרים פארמישט געווען, און נאר כדי מתקן אט די געפעהרליכע מכשולות, האט ער איינגעזעהן א נחיצות פון אויפשטעלען א כלליות'דיגן כשר'ן מהודר'דיגן עירוב, דוקא דעמאלסט איז ארויס אזא מלחמה קעגען עירובין? איז דען דאס גופא נישט דער גרעסטער באוויז, אז דער גאנצע מערכה איז נאר א פאליטישער קאמפ פון "אני אמלוך", ווער איז דא דער בעלעבאס אויף אונזער בארא פארק, און גארנישט מער!!

**ש. אלעם איז פיין און וואויל, אבער פארוואס דארפן די בארא פארק'ער גאסן זיין פארפלייצט מיט פאשקווילן, פארוואס קענען די צדדים זיך נישט אויס'טענה'ן אויף א בכבוד'יגן אופן?**

**ת.** דאס איז נעבעך דער בראך. נישט גענוג וואס במשך דעם גאנצן ווינטער זענען אלע אידישע חרדישע צייטונגען פארפלייצט, וואך נאך וואך, מיט זייערע פאלשע פראפאגאנדע, האבן זיי אויך "זיכער געמאכט" צו פארמאכן דעם וועג פאר'ן אנדערן צד, מ'זאל נישט קענען ענטפערן אויף זייערע לגיונות, אין די זעלבע צייטונגען. ליידער זענען די צייטונגען נאך אונטערגעווארפן אונטער דעם אמאליגן "מאנאפאל", און מאכן גרויסע שוועריקייטן אריין צו נעמען מודעות און אויפקלערונגס-ארטיקלען פון די רבנים המתירים. דאס קליין ביסל וואס די אפגעקויפטע צייטונגען האבן א מאל יא אריין גענומען, איז אויך נאר יוצא צו זיין, כדי זיך צו ראטעווען דעם פנים, ס'זאל נישט הייסן אינגאנצען אז זיי דיסקרימענירן די רבנים המתירים. ווייל ס'איז פשוט נישט גוט פאר ביזנעס. איז דען א ספק שבעולם, אז אויב מ'וואלט זיך נישט געווען באנוצט מיט די דאזיגע איינציגע איבערגעבליבענע בדיעבד'יגע מיטלען, וואלטן דען מיר נאך היינט, געהאט אן עירוב אין בארא פארק?

**ש. דאס קען זיין א תירוץ אויף די אויפקלערונגס מאטריאל וואס מ'האט פארפלייצט אין די גאסן. וואס האט אבער אויסגעפעלט אזא מין מיאוס'ער פאשקעוויל, ווי למשל דער פורים'דיגער "הזהרו מן הצבועין" וואס האט פערזענדליך אטאקירט א רבנישע משפחה?**

**ת.** אין הכי נמי, אפילו אין פורים טאר מען אזוינס נישט טוען. אבער נעמענדיג אין באטראכט די אומשטענדן, וואס פאר א געפערליכע וואנדאליזעם האט פאסירט ליל שבת זכור, ווי די גרעסטע עמלק'ישע אנטיסעמיטען, האט מען צוריסען בזדון דעם עירוב, כדי מכשיל צו זיין טויזענטע אנשים ונשים פון אונזערע איינוואוינער בעון חילול שבת קודש ר"ל. אין א צייט וואס ס'איז "ניתן רשות למשחיה", והא ראיה "מדשתקי רבנן ולא מיחו" שמע מינה וכו', איז דען א וואונדער, אז ס'האבן זיך געטראפען די יעניגע, וואס האבן גענומען די איניציאטיב אין זייערע אייגענע הענט, אדער געדונגען בעסערע הענט, געשריבען און פארפלייצט די גאסן. ווייל "כיון שניתן רשות למשחית, שוב אינו מבחין וכו'", איז שוין קיין שום אונטערשייד נישט, צווישן די רייסער'ס אליין, אדער צווישן די וואס האבן עס גוטגעהייסן.

**ש. די אומפארשעהמטע אקציע פון רייסן דעם עירוב, איז טאקע א עוון פלילי. אבער דאך, איין עוולה בארעכטיגט נישט קיין צווייטע?**

**ת.** ריכטיג, פארשעהמען רבנים האט קיינמאל נישט קיין בארעכטיגונג. אבער דא מוז קלאר און דייטליך אונטער געשטראכען ווערין, דעם גרויסן חילוק פון דעם זלזול כלפי די רבנים המתירים, און דער זלזול כלפי די רבנים האוסרים. דער כבוד התורה פון די רבנים המתירים איז תיכף בתחילה ברוטאליש צוטרעטן געווארן, נישט דורך עפיס א פאשקעוויל וואס איז א "בן בלי שם", נאר דורך אן אזויגערופענעם "רב בישראל", בעלצקי, וואס איז איינער פון די חותמים קעגן דעם עירוב. אנפאנג ווינטער האט ער מיאוס אטאקירט אלע רבנים המתירים, איינס ביי איינס, אויף א פרעזנדליכן אופן, מיט די ארגסטע באליידונגס טיטלען, ווי ס'פאסט פאר די אמאליגע בערלינער "משכילים". און נאך דערצו, בכותלי ניהמ"ד, אין א פארעם פון א שיעור אין א ישיבה, צו פארסאמען דעם חינוך פון בחורי חמד. עד כדי כך, אז אן אומשולדיג בחור'ל האט תמימות'דיג געפרעגט, פארוואס לייגט מען נישט, די רבנים המתירים, אין חרם אריין. און דער דאזיגער ר"מ האט מיט זיין גיפט, גיענפערט, "מ'נעמט דאס אויך אין

באטראכט", עפ"ל. פון דער אנדערע זייט, דער זלזול כלפי די רבנישע משפחה, וואס שטייען בראש המערכה אונטער צו ברענגען דעם עירוב, איז נישט געקומען חלילה מצד רבנים, אדער פון אנגעזעהנע פרעזענדליכקייטן, ווי אויך נישט פון קיין שום ארגאניזאציעס ווי דער ועד העירוב, נאר פון א יעניגען וואס איז ניטאמאל גרייט געווען צו לייגן זיין נאמען דערויף. און אדרבה, די רבנים המתירים זענען בפירוש געווען דערגעגן, כאטש מ'האט זיי פרעזענדליך מבזה געווען.

**ש. אויב טאקע זענען די רבנים המתירים געווען דערגעגן, האט מען דען געפארשט און געזוכט די זאך אפצושטעלן?**

**ת.** אודאי יא, און די עסקנים וואס האבן דאס גע'פארש זענען געוואויר געווארען דעם מקור פון יענעם פאשקעוויל, אבער מפני כבודו פון א חשוב'ן רב בישראל ז"ל מוז מען דא רעדן נאר ברמיזה. יענער פאשקעוויל איז ארויס פון א פרעזענדליכן אנגעוויטעגטן תושב בארא פארק, וואס האט אן אלטן פריוואטן חשבון מיט דעם דאזיגן רב, צוליב וואס מ'האט זיין פאטער, א נורסינג-היים סופלייער, איינגעזעצט אין ותפיסה, על סמך א היתר וואס א נורסינג-היים אייגענטימער האט באקומען פון דעם דאזיגן רב ז"ל. (לדבריו, זענען דענסמאל אלע רבנים שארף ארויס קעגען סיי וואס פאר א היתר אויף מסירה, ר"ל). זיין אנגעזאמעלטן ווייטאג האט איהם געבראכט אויסצוניצן די געלעגענהייט, גלייך נאך דעם סקאנדאל פון רייסן דעם עירוב, צוריק צו שיסן מיט ר' אביגדור'ס מסירה קעגען דעם בעל התניא זי"ע. חז"ל זאגן שוין "אין אדם נתפס על צערו". עד כאן.

**ש. ווער זענט איהר, שרייבער פון די דאזיגע שורות? פארוואס שרייבט איר נישט ארויס אייער נאמען, כ'זאל כאטש נישט אויסזעהן ווי זייערע פאשקעווילן?**

**ת.** מיר זענען א גרופע איינפאכע בארא פארק'ער תושבים, וואס האבן זיך צוזאם גענומען חנוכה צייט אויף איין מטרה, נישט דערלאזען מען זאל מיט געוואלט-אקטען אוועקנעמען פון אונז, פון אונזערע משפחות, פון אונזערע חברים און קרובים, אונזער תורה'דיגן רעכט, צו האבן אן "עונג שבת", דורך א כשר'ן עירוב, פונקט אזוי ווי אונזערע עלטערן האבן אלעמאל געהאט, און פונקט ווי אונזערע ברודער און שוועסטער האבן היינט אויך, אין ארץ ישראל. מיר זענען נישט קיין כלל-טוערס, מיר זוכן נישט קיין כבוד, אבער אויך נישט קיין אומ'כבוד, און אודאי נישט צו טעראראזירט ווערן, דערפאר פאמפען מיר נישט מיט אונזערע נעמען. מיר מיינען פשוט אונזערע אייגענע אינטערעסן. און מיר וועלן בלי נדר אלסדונג טוען כדי נישט צו זיין אונטערגעווארפן אונטער דעם "מאנאפאל" פון די מאנכע וואס מיינען אז זיי זענען די בעלי בתים אויף גאנץ בארא פארק. פון די מאנכע וואס מיינען אז זיי קענען נאך היינט פארשטאפען די מיילער פון אונזערע רבנים גדולי תורה, וואס ביי זיי פרעגען מיר אונזערע הארבסטע שאלות. ותו לא מידי.

**ש. ערב שבת-הגדול, האבן די כת האוסרים דעליווערט אין אונזערע פאסט קעסטלעך, אן ענגלישן פאשקעוויל, מכלומר'שט א ברייעף פון "באזארגטע מאמע" צוליב דעם חרון-אף וואס דער עירוב האט גורם געווען, אזא טראגעדיא נעבעך, און דערפאר זאל מען נישט פאלגן די רבנים וואס זענען מתיר צו טראגן. דער דרך העולם איז, אז ווען מ'באקומט א ברייעף דארף מען ענטפערן. וואס ענפערט מען דערויף?**

**ת.** דאס גופא איז א קלארע באווייז מיט וואס פאר א נידעריגע באשעפענישן מיר האנדלן, ווי ווייט זיי זענען געפאלען עד לדיוטא התחתונה ממש ר"ל. זיי זענען גרייט זיך צו באדן אין בלוט פון אומשולדיגע

קינדערלעך. קול דמי אחינו צועקים אלינו מן האדמה - נעמט אונז נישט אריין אין אייער מויל, מיט ביליגע פאליטישע חשבונות!

הישמע כזאת בישראל, ווען א צובראכענע משפחה איז איינגעהילט אין אזא גרויסן צער און אבילות שאין לשער, און דער גאנצער ציבור שפירט מיט, מיט זיי דעם גרויסן ווייטאג, קומט מען אומפארשעהמטערהייט און מ׳נוצט דאס אויס פאר אייגענע ביליגע אינטערעסן. ״לא תעמוד על דם רעך״! ווי קומט אזא מין סאדיסטישע אכזריות׳דיגע מעשה נבלה שאין כמוהו, צו זרע אברהם יצחק ויעקב. צו די כת האוסרים דארף געזאגט ווערען: קוקט אריין אין ״שפיגעל״, ראו גדולים שגדלתם!

אויב מיט אזעלכע דרכים ווילן זיי אונז באאיינפלוסן, אז מיר זאלן חלילה נישט פאלגן אונזערע רבנים, וועט אונזער תשובה דערויף זיין, בנערינו ובזקנינו נלך, גם טפינו ילך עמנו. קיינמאל וועט מען ביי אונז, און ביי קיין שום ערליכע איד אדער אידענע, אזא זאך נישט פועל׳ן, חלילה. א זאך וואס איז פון די יסודות פון אידישקייט, זענען אידן זיך גרייט דערויף מוסר נפש זיין. מיר וועלען דערקלערען בראש כל חוצות אז מיר רירן זיך נישט קיין חוט השערה פון הוראות רבותינו מאורי ישראל. נאר דורך, חלילה, נישט פאלגן גדולי תורה, ברענגט מען א חרון אף, ה׳ ישמרינו, ומרובה מדה טובה ממדת פורעניות. בזכות נשים צדקניות וואס פאלגן מורי הוראה׳ס, קענען מיר נאר זוכה זיין צו השפעות טובות וחסדים מרובים, וכימי צאתנו מארץ מצרים יראנו נפלאות, מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו. א ליסטיגן כשר׳ן פסח.

JEWISH PRESS • Friday, Sept. 19, 1980

ועד למען קדושת השבת בעיר רבתי נוא יארק

# COMMITTEE FOR THE SANCTITY OF THE SABBATH IN GREATER NEW YORK

זכור את יום השבת לקדשו

## REMEMBER THE SABBATH DAY TO KEEP IT HOLY!

*Acknowledge the truth!*

In the evening following Shabbas Shuvah, one of the most prominent members of the Agudas Harabonim, the Union of Orthodox Rabbis, made a statement on the air, to the effect that: -
1) He is unaware of any great rabbis who permit making eruvin in large cities.
2) Eruvin were never made in large cities whose population reached 600,000. Do not believe what people say, that in the large cities of Europe there were eruvin.

I do not wish to engage in a debate concerning the halachah, but I do wish to state a few pertinent facts to set the record straight.
1) The following Torah giants permitted eruvin in large cities: Chazon Ish, Rabbi Chaim Ozer Grodzinsky, Rabbi Jonathan Steif, Divrei Malkiel, Rabbi Zvi Pesach Frank, Rabbi Joseph Eliyahu Henkin, Maharsham, Harei Besamim, Tirosh v'yitzhar, Rabbi Shlomo Dovid Kahana, head of the rabbinical court of Warsaw, Rabbi Moshe Mordechai Epstein, Slabodker Rosh Yeshivah, Avnei Nezer, Rabbi Joshua Kutna, Rabbi Nochum Yerushalimski, Rabbi Michael Dov Weismandl, Eruv v'hotzaah by Rabbi Segal, Tav Yehoshua, and many others, all of sainted memory, with no one dissenting. According to Rabbi Shlomo Dovid Kahana of Warsaw, in our times, even the Mishkenoth Yaakov would permit eruvin.

**Also, the Gaon of our generation, Rabbi Moshe Feinstein shelita, wrote in Hapardes 33:9, as follows;**

I do not wish to join those who sanction the eruv. I do not protest, however, since there are many reasons to permit it...They are, therefore, perfectly justified in following their view. As regards the danger I pointed out concerning Jerusalem, it is, nevertheless, a valid eruv after the fact, and since they maintain their lenient ruling even reading what I wrote in Igroth Moshe, ch. 139.

2) The following cities had eruvin: Warsaw, Vienna, Amsterdam, London, Paris, and Antwerp. New York, too, once had an eruv. Many of these cities still boast of eruvin. Throughout the entire Eretz Yisroel there are eruvin: in Jerusalem, in Tel Aviv, in Haifa, and in virtually every city and town. Jerusalem boasts of no less than two eruvin: one set up by the Chief Rabbinate, and one set up by the Beth Din Tzedek of the Eidah Hachareidis, which refuses to rely on the Zionist eruv of the Chief Rabbinate.

Also in America, Rabbi Moshe Feinstein shelita has been instrumental, both personally and by writing letters (of which we have copies), in setting up eruvin in many American cities. As is well known, he helped set up eruvin in Queens, Far Rockaway, Seagate, Monsey, and in numerous other localities. These are irrefutable historic facts.

The aforementioned prominent rabbi, in his radio address, stated that all the Jews in America and in other countries, who rely on these eruvin, are flagrant desecrators of the Sabbath and are deservant of death by stoning. G-d forbid that one make such a statement against K'lal Yisroel!! Especially during the ten days of penitence!!

It is virtually incomprehensible that a prominent rabbi of his caliber and erudition should be ignorant of all the poskim of the past generation who sanctioned the setting up of eruvin in cities and towns. It is incredible that a rabbi of his prominence should be ignorant of all these poskim as well as all the well-known facts that there were eruvin in many cities.

We, therefore, appeal to the aforementioned rabbi to review the facts, to acknowledge the truth, and to retract his statement. He is guilty of publicizing an error, either intentionally or unintentionally, that can cause more harm than the eruv, since it is a misinterpretation and a distortion of Torah.

*With blessings for a G'mar Chasimah Tovah,*
**The Committee for the Sanctity of the Sabbath in Greater New York**